# רעליגיעזע רעכטן

## ביים פלאץ פון דער ארבייט



ניו יארק סטעיט אפיס פון די
אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**

# מיטלען

אויב איר קלערט אז אייערע רעליגיעזע רעכטן זענען פארלעצטע געווארן, קענט איר פארלאנגען הילף פון די פאלגענדע אפיסעס:

### ניו יארק סטעיט אפיס פון די אטוירני דזשענעראל, ציווילע רעכטן ביורא - ציווילע רעכטן איניציאטיוו

28 Liberty Street, New York, NY 10005
(800) 771-7755 أو (212) 416-8250
(800) 788-9898 – TDD
civil.rights@ag.ny.gov / ***ag.ny.gov/bureau/civil-rights***

### ניו יארק סטעיט 'דעוויזשאן אוו היומען רייטס'

One Fordham Plaza, 4th Floor, Bronx, New York 10458
(718) 741-8400
TDD: 718-741-8300
***dhr.ny.gov***

די ניו יארק סטעיט 'דעוויזשאן אוו היומען רייטס' (Division of Human Rights) באהאנדלט אינדיווידועלע 'קאמפלעינטס' פון רעליגיעזע דיסקרימינאציע וועלכע פארלעצן די ניו יארק סטעיט 'היומען רייטס געזעץ' (Human Rights Law).

### יונייטעד סטעיטס 'איקוועל עמפלוימענט אפארטוניטי קאמישאן'

33 Whitehall Street, 5th Floor, New York, NY 10004
(800) 669-4000
TDD: (800) 669-6820
***eeoc.gov***

די יו.עס. 'איקוועל עמפלוימענט אפארטוניטי קאמישאן' (U.S. Equal Employment Opportunity Commission) באהאנדלט קלאגעס פון רעליגיעזע דיסקרימינאציע ביי דער ארבייט וואס פארלעצט די פעדעראלע 'טייטל VII' (Title VII).

די EEOC שטעלט צו צוגאב אינפארמאציע פאר ארבייטס געבער און פאר ארבייטער וואס אנבאלאנגט רעליגיעזע דיסקרימינאציע אויף: ***eeoc.gov/religious-discrimination.***

## טייערע ניו יארקער,

ניו יארק סטעיט האט א רייכע היסטאריע פון רעליגיעזע פארשידנקייט, א טראדיציע וואס איז אנטשטאנען אין אונזער לאנד'ס "ביל אוו רייטס" (Bill of Rights), און עס איז אריין געאנקערט דורך געזעצן וועלכע באשיצן יעדן'ס רעכט צו פראקטיצירן זייער גלויבן לויט זייער אייגענעם ווילן.

אלס אטוירני דזשענעראל בין איך פארפליכטעט צו באשיצן די די שטאלצע היסטאריע פון רעליגיעזע טאלעראנץ. איך האב אונטער גענומען אן איניציאטיוו אין אונזער ציווילע רעכטן ביורא ['סיוויל רייטס ביורא'] (Civil Rights Bureau) צו אדרעסירן רעליגיעזע פרייהייט פארלעצונגען, און אגרעסיוו צו פארסירן די אנטי- דיסקרימינאציע געזעצן. דורך ערציאונג, 'אוטריטש' (outreach), און נעמען לעגאלע שריט ['ליטיגאציע'] (litigation), וועט אונזער ציווילע רעכטן ביורא אויס רייסן פראקטיצירונגען פון רעליגיעזע דיסקרימינאציע און פארזיכערן אז די געזעצן ווערן אויסגעפאלגט וואס אנבאלאנגט נארמאלע אקאמאדאציע ['ריזאנעבל אקאמאדעישאנס'] (reasonable accommodations) פאר גלויביגע מענטשן וואס געפינען זיך אין אן ארבייטס פלאץ.

אמעריקאנער בירגער האלטן טייער די רעכט צו פראקטיצירן, אפן און געטריי, די רעליגיע וואס זיי קלויבן זיך אויס. אויב איר זענט באזארגט אז אייערע רעכטן ווערן פארלעצט, קען דער דאזיגער בראשור אייך העלפן טרעפן די ענטפערס און מיטלען וואס איר ברויכט. איר קענט זיך אויך פארבינדן מיט די ציווילע רעכטן ביורא'ס ציווילע רעכטן איניציאטיוו (Civil Rights Bureau's Religious Rights Initiative) אויף

מיט שעצונג,

Letitia James



אטוירני דזשענעראל פון
ניו יארק
**לעטישע דזשעימס**

## ווייסט אײַערע רעכטן – באלאנסירן די רעליגיע מיט די ארבייט

אפגעזעהן וועלכן גלויבן איר טוט פראקטיצירן, קען זיין אז דאס אריין פאסן רעליגיעזע אבזערווירונג אין א פאדערן'דיגע ארבייטס פלאץ איז זייער שווער פאר די ארבייטער און פאר די ארבייטס געבער. די פעדעראלע און סטעיט געזעצן פארזיכערן אז ניו יארקער אײַנוואוינער זאלן האבן די מעגליכקייט צו באלאנסירן די ארבייט פאראנטווארטליכקייטן און אין די זעלבע צייט אויך זיין געטרייע אבזערווירער פון זייער רעליגיע.[1]

## באשיצונג פון רעליגיעזע דיסקרימינאציע, רדיפה ['הערעסמענט'] און נקמה.

אונטערן סטעיט און פעדעראלן געזעץ, טארן ארבייטס געבער נישט:

- אנדערש באהאנדלן אפליקאנטן אדער ארבייטער באזירט לויט זייערע רעליגיעזע גלויבן אדער פראקטיצירונגען, אין קיין שום גרעניץ פון די ארבייט ['עמפלוימענט'] , אריין גערעכנט רעקרוטירונג, אויפנעמען, באשטימען די ארבייט, דיסציפלינירן, פאראויס רוקן ['פראמאשן'] , און בענעפיטן;
- אויסשטעלן ארבייטער צו רדיפה ['הערעסמענט'] צוליב רעליגיעזע אנשויאונגען אדער פראקטיצירונגען; אדער
- נקמה נעמען אקעגן אפליקאנטן אדער ארבייטער פארן באריכטן פארדעכטיגטע רעליגיעזע דיסקרימינאציע ביים פלאץ פון דער ארבייט.

## טעג פון רעליגיעזע אבזערווירונג

דער ניו יארק סטעיט געזעץ פארלאנגט פון ארבייטס געבער צו ערלויבן זייער ארבייטער צו אבזערווירן הייליגע טעג, אויסער אויב דאס אזוי טוען וועט צושטאנד ברענגן "איבער די מאס שווערקייט" ['אנדיו הארדשיפ'] ("undue hardship").

דער ארבייטס געבער מעג פארלאנגן פון די ארבייטער צו:

- ערזעצן די פארפאסטע ארבייט אן אנדערס מאל;
- רעכענען די פארפאסטע צייט אקעגן באצאלטע פרייע צייט ['פעיד ליעוו'] , אויסער פרייע צייט צוליב קרענק ['סיק ליעוו'] (sick leave); אדער
- צו נעמען פרייע צייט אומבאצאלט, פאר צייט וואס מען האט נישט ערזעצט אדער גערעכנט אויפן חשבון פון באצאלטע פרייע צייט ['פעיד ליעוו'] (paid leave).

אויב איר זענט באזארגט אז אײַערע רעכטן ווערן פארלעצט, קענט איר זיך פארבינדן מיט די ציווילע רעכטן ביורא'ס ציווילע רעכטן איניציאטיווע אויף 416-8250 (212) אדער אויף 771-7755 (800). די אינפארמאציע וואס געפינט זיך אין דעם בראשור איז נישט קיין ערזאץ צו די ראהטונגען וואס מען באקומט פון א קוואליפיצירטן אדוואקאט אדער אן אנדערע עקספערט.

[1] אין ניו יארק סטעיט ווערן די באשיצונגען אקעגן רעליגיעזע דיסקרימינאציע רעגירט דורך די ניו יארק סטעיט, היומען רייטס געזעץ; אויפן פעדעראלן שטאפל ווערן די באשיצונגען געפינען אין 'טייטל *VII* פון די 'סיוויל רייטס געזעץ' פון יאר 1964.

## אבזערווירן אנדערע רעליגיעזע פראקטיצירונגען

ארבייטס געבער מוזן אויך פרובירן צו אקאמאדירן אנדערע רעליגיעזע פראקטיצירונגען, אריין גערעכנט רעליגיעזע קליידונג און ערשיינונג פאדערונגען, און דאווענען דורכאויס דעם ארבייטס טאג.

## די סארטן פון אקאמאדאציע

אקאמאדאציעס פון רעליגיעזע פראקטיצירונגען טוט אפט מאל אריין רעכענען ענדערונגען אינעם סקעדזשול, אויסנאמען פון די קליידונג פארשריפטן ['דרעסס קאוד'] , אדער די באצייכענונג פון א ארבייטס פלאץ וואו צו דאווענען. אויב ביידע זייטן זענען איינשטימיג, קען אן אקאמאדאציע באדייטן א טראנספער צו אן דזשאב פון אן ענליכן ראנג און באצאלדונג ['לעטערל טרענספער'], אדער ענדערונגען אין די דזשאב פארלאנגען.

כאטש עס פאדערט זיך נישט אונטערן געזעץ, קענען ארבייטס געבער אדאפטירן א בויגזאמע ['פלעקסעבל'] פאליסי איבער פרייע צייט ['ליעוו'] און סקעדזשולינג, וואס זאל ערלויבן פאר ארבייטער נאכצוקומען זייערע רעליגיעזע געברויכן (אזוי ווי למשל בויגזאמע צייטן ווען אנצוהייבן און ענדיגן די ארבייט, בויגזאמע ארבייט-איבערייסונגען ['ווארק ברעיקס'], דער באנוץ פון לאנטש צייט אין אויסטויש פון פריער ענדיגן, אדער 'סטעגערד' ארבייטס שטונדען.

אונטערן ניו יארק סטעיט 'היומען רייטס געזעץ', מעגן ארבייטער זיך טוישן זייערע ארבייט שיכטן ['שיפטס'] מיט זייערע מיט- ארבייטער אויב עס קען נישט געמאכט ווערן קיין שום אנדערע נארמאלע ['ריזאנעבל'] אקאמאדאציעס.

## אײַנפירן פארשטענדליכע פאליסיס און פראקטיצירונגען וועט רעדוצירן רעליגיעזע דיסקרימינאציע און רדיפה ['הערעסמענט'] אין דעם ארבייטס פלאץ

די באשטימונג פון קלארע פאליסיס און די קריטיריע פארן באהאנדלן פארלאנגן פאר רעליגיעזע אקאמאדאציעס קענען העלפן רעדוצירן די פאטענציאנאלע מעגליכקייטן פאר רעליגיעזע דיסקרימינאציע אין דעם ארבייטס פלאץ. ווירקזאמע פאליסי און פראקטיצירונגען טוען אריין רעכענען פראוויזיעס צו:

- אינפארמירן די ארבייטער איבער זייער רעכט צו פארלאנגן נארמאלע ['ריזאנעבל'] אקאמאדאציעס פאר רעליגיעזע אבזערווירונג;
- באשטימען א פראצעדור ווי אזוי צו פארלאנגן רעליגיעזע אקאמאדירונג;
- טרענירן מענעדזשערס און סופערווייזארס צו באטראכטן אלע מעגליכע אקאמאדאציע אפציעס;
- זאפארט צו קאנפערירן מיט די ארבייטער איבער זייערע רעליגיעזע געברויכן, די פארלאנגטע אקאמאדאציעס און מעגליכע אפציעס; און
- פולשטענדיג אפשאצן יעדן פארלאנג און פארמיידן 'סטיריאטייפס' איבער רעליגיעזע פראקטיצירונגען, איבערצייגונגען און די סארטן אקאמאדאציעס וואס זענען פאסיג.

## ארבייטס געבער מוזן «נארמאל אקאמאדירן» [‹ריזאנעבלי אקאמאדעיט›] רעליגיעזע איבערצייגונגען

סטעיט און פעדעראלע געזעצן פארלאנגן פון ארבייטס געבער צו מאכן א נארמאלע [‹ריזאנעבל›] (reasonable) רעליגיעזע אקאמאדירונג פאר אן ארבייטער‹ס ערנסט געגלויבטע רעליגיעזע איבערצייגונגען, אויסער אויב ווען מען טוט דאס שאפט זיך אן «איבער די מאס שווערקייט» [‹אנדיו הארדשיפ›] ("undue hardship") פאר דעם ארבייטס געבער. א נארמאלע [‹ריזאנעבל›] (reasonable) אקאמאדאציע מיינט אז דער ארבייטער איז ערלויבט אויס צו פאלגן זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען דורך א מינימאלע ענדערונג אין די ארבייטס אטמאספער. באשיצטע רעליגיעזע איבערצייגונגען טוען איינשליסן נישט בלויז אזעלכע וואס זענען פון טראדיציאנאלע און ארגאניזירטע רעליגיעס, נאר אויך אזעלכע איבערצייגונגען וואס זענען נישט א טייל פון א פארמאלע רעליגיע אדער סעקטע, אפילו אויב עס ווערט פראקטיצירט דורך רעלאטיוו ווייניג מענטשן.

### כדי אפ צו שאצן אויב עס האנדלט זיך אין איבער די מאס שווערקייט [‹אנדיו הארדשיפ›], גיט א קוק אויף די ספעציפישע פאקטן פון דעם פארלאנג, אזוי ווי למשל:

- די סארט ארבייטס פלאץ;
- די נאטור פון דעם ארבייטער‹ס פליכטן;
- סיי וועלע פארבינדעטע אויסגאבן אין וואס עס טרייבט אריין רעלאטיוו צו די סייז און בודזשעט פון דער ארבייטס געבער;
- די ווירקונג פון אן אקאמאדאציע אויף דער ארבייטס געבער‹ס ביזנעס;
- די קאלעקטיווע פארהאנדלונגס אפמאכן [‹קאלעקטיוו בארגענינג אגרימענטס›] (collective bargaining agreements) אדער באשטימטע סיניאריטעט סיסטעמס (established seniority systems);
- די צאל מענטשן וואס דארפן די אקאמאדאציע;
- די ווירקונג וואס עס וועט האבן אויף די זיכערהייטס [‹סעיפטי›] (safety) פון די ארבייטס פלאץ;
- צי די באטרעפענדע אקאמאדאציע איז אין קאנפליקט מיט אנדערע געזעצן.

### עס איז אויך וויכטיג צו וואוסן אז:

- דאס געזעץ באשיצט אלע אספעקטן פון אן אינדיווידואל‹ס רעליגיעזע אבזערווירונג און פראקטיצירונג, אפילו אזעלכע פראקטיצירונגען וואס די רעליגיע איז נישט «מחייב» [‹ריקווייערד›] ("required");
- אן ארבייטער מוז אינפארמירן דעם ארבייטס געבער איבער דעם געברויך פאר אן אקאמאדאציע, און מוז צו- שטעלן גענוג צייט און אינפארמאציע פאר דעם ארבייטס געבער צו קענען אפשאצן דעם פארלאנג;
- ארבייטס געבער און ארבייטער דארפן ארבייטן אינאיינעם צו טרעפן אן אקאמאדאציע;
- אן ארבייטס געבער מעג פרעגן פראגעס וואס אנבאלאנגט רעליגיעזע געוואוינהייטן כדי אפצושאצן דעם פארלאנג און אידענטיפיצירן אן אקאמאדאציע; און
- אן ארבייטס געבער איז נישט ‹מחוייב› נאכצוקומען די ספעציפישע אקאמאדאציע וואס ווערט פארלאנגט, נאר אז די אקאמאדאציע וואס ווערט אנגעבאטן קומט נאך דעם ארבייטער‹ס רעליגיעזע געברויכן.